Publié par l'Association pour l'Étude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש-לימוד און פֿון דער מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 8, נומער 3 (38)

אָדר תּשס"ג/מאַרץ 2003

## דער וועטער[1] (און ווי אַזוי צו רעדן וועגן דעם)

**געוויינטלעך, ווען מענטשן רעדן וועגן דעם וועטער מיינט עס אַז זיי געפֿינען נישט קיין בעסערע טעמע. אָדער – אַז זיי ווילן אויסמײַדן[2] אַלע „דעליקאַטע" טעמעס (ווי פּאָליטיק, רעליגיע, געלט אָדער געשעפֿטן) וואָס קענען ברענגען צו פּאָלעמיקעס און קריגערײַען. אין אַזאַ פֿאַל[3] איז די טעמע „וועטער" אויסגעצייכנט[4] !**

לעצטנס איז אָבער געוואָרן אַנדערש. אַפֿילו[5] דער וועטער איז געוואָרן אַ טעמע פֿאַר פּאָליטישע ראַנגלענישן[6], אין וועלכע מע פּרוּווט אויסגעפֿינען וואָס אָדער ווער איז שולדיק אין די אומנאָרמאַלע וועטער־דערשײַנונגען[7] וואָס מאַכן אונדז אַ סך צרות[8] די לעצטע יאָרן. ווינטערס אָן שניי, זומערס אָן זון, אַ גאַנץ יאָר שטאַרקע רעגנס. אין איין לאַנד אַ פֿאַרפֿלייצונג[9], אין אַן אַנדערן – אַ טריקעניש[10]. עקאָלאָגן באַשולדיקן[11] די אינדוסטריע און די מאָדערנע קאָנסומפּציע־געזעלשאַפֿט[12] בכלל[13].

אויב איר ווילט אָנטיילנעמען[14] אין די דאָזיקע גאָר אַקטועלע וועטער־דעבאַטעס, און איר ווילט עס טאָן אין אַ ריינעם ייִדיש, וועט איר דאָ געפֿינען אַ פּאָר גרייטע[15] דיאַלאָגן וואָס פּאַסן פֿאַר אַלע צײַטן פֿון יאָר[16]. איר מעגט זיי זיך אויסלערנען אויף אויסנווייניק[17]. אַזוי אַרום וועט איר קריגן אַ שם[18] פֿאַר אַ גוטן רעדנער און מע וועט אײַך פֿאַרבעטן אויף אַ סך וועטשערעס[19].

אויב עמעצער זאָגט : ס'איז וואַרעם הײַנט.

וועט איר ענטפֿערן : וואַרעם ? ס'איז טאַקע הייס. אַזאַ היץ – 35 גראַד ! מע חלשט[20] פֿון היץ. עס ברענט ווי אין אַן אויוון[21]. עס פֿלאַמט ווי אין גיהנום[22]. ס'איז אַ דריקעניש און אַ שטיקעניש[23]. מע שוויצט ווי אין באָד[24] אויף דער אייבערשטער באַנק. ס'איז אַלץ אַ סימן[25] פֿון דער פּלאַנעט־דערוואַרעמונג[26] !

אויב מע זאָגט : עס גייט אַ רעגן.

וועט איר ענטפֿערן : נישט עס גייט, נאָר עס פּליוכעט (עס פּליושקעט)[27], עס גיסט ווי פֿון אַ צאַפּן[28]. ס'איז אַ וואָלקנבראָך[29], אַ פֿאַרפֿלייצונג, אַ מבול[30]. עס גיסן זיך עמערס[31], טײַכן, ימען[32], אָקעאַנען... מע טאָפּטשעט זיך[33] אין די קאַלוזשעס[34]. מע שווימט אַרום אין די רינשטאָקן[35]. די גאַנצע וועלט איז נאַס ווי נחס תּבֿה[36]. דאָס מוז דאָך זײַן דער „על־ניניאָ".

אויב מע זאָגט : עס בלאָזט אַ ווינט.

וועט איר ענטפֿערן : דאָס הייסט בלאָזן ? דער ווינט ברומט[37] און ברויזט[38], ער ווייעט[39] און וויכערט[40]. עס בליצט[41] און דונערט[42]. דער שטורעם[43] בושעוועט[44], רײַסט אויף[45] דעכער, קערט איבער הײַזער, שרײַט ווי אַ ווילדע חיה[46]. דאָס איז גאָר נישט קיין שטורעם, ס'איז אַן אמתער[47] (קלײַבט אויס דאָס וואָס פּאַסט אין אײַער געגנט, אין אײַער קלימאַט) אוראַגאַן, טײַפֿון, טאָרנאַדע, ציקלאָן...

אויב מע זאָגט : ס'איז געוואָרן קאַלט די לעצטע צײַטן.

וועט איר ענטפֿערן : בײַ דיר הייסט דאָס קאַלט ? דאָס איז קוים[48] אַ ביסעלע קיל[49]. ווען איך בין געווען אַ קינד אין – (דאָ קענט איר אויסקלײַבן דאָס פּאַסיקע) ווילנע, וואַרשע, סיביר, מאָנטרעאַל, ניו־יאָרק... אַ קעלט, אַ פֿראָסט ! אײַז און שניי ! ס'פֿלעגט שנייען אַכט חדשים[50] אַ יאָר. ס'פֿלעגן זײַן אמתע זאַווערוכעס[51]. די שניי פֿלעגט ליגן ביז די קני, ביז דער טאַליע[52], ביז דער נאָז... מע פֿלעגט זיך אָפּפֿרירן[53] די אויערן, די פֿינגער, דעם „איך בעט איבער אײַער כּבֿוד"[54]... אַלע טײַכן פֿלעגן אײַנפֿרירן. ווען עס האָט געהאָגלט[55], זענען די האָגל־שטיינער[56] געווען גרויס ווי ניס, ווי אייער, ווי מילשטיינער[57]... פֿראָסטבלומען[58] פֿלעגן אויסוואַקסן אויף די שויבן[59]. אײַזצעפּלעך (טריפֿלקעס, סאָסולקעס, אײַזליכטלעך)[60] פֿלעגן הענגען פֿון די דעכער. שניימענטשעלעך פֿלעגט מען מאַכן. שנייקוילן פֿלעגט מען וואַרפֿן.

הײַנטיקע קינדער קענען ניט אַזעלכע ביטערע ווינטערס !



1. temps (météo)/weather 2. éviter/avoid 3. dans un cas pareil/in such a case 4. excellent 5. AFILE même/even 6. luttes, débats/fighting, wrangling 7. phénomènes/phenomena 8. TSORES ennuis, malheurs/woes, troubles 9. inondation/flood 10. sècheresse/drought 11. incriminent/blame 12. société de consommation/consumer society 13. BIKhLAL en général/in general 14. participer/participate 15. tout prêts/ready-made 16. saisons/seasons 17. par cœur/by heart 18. ShEM réputation 19. dîners/dinners 20. KhALEShT s'évanouit/one faints 21. four/oven 22. G(EH)ENEM enfer/hell 23. on étouffe et on suffoque/it's oppressive and suffocating 24. bain *ici* de vapeur/bathhouse 25. SIMEN signe/sign 26. réchauffement planétaire/global warming 27. il pleut à verse/it's pouring 28. robinet/tap 29. averse violente/cloudburst 30. MABL déluge 31. seaux/buckets 32. YAMEN mers/seas 33. patauge/one wades 34. flaques/puddles 35. caniveaux/gutters 36. NOYEKhS TEYVE l'arche de Noé/Noah's Ark 37. rugit/(is) roaring 38. bouillonne/seething 39. souffle fort/blowing hard 40. tourbillonne/whirling 41. il y a des éclairs/(there's) lightning 42. tonne/thunder 43. tempête/storm 44. fait rage/is raging 45. arrache/tears apart 46. ... KhAYE bête sauvage/wild animal 47. EMESER vrai/real 48. à peine/hardly 49. frais/cool 50. KhADOShIM mois/months ; *sing.* חודש KhOYDESh 51. tempêtes de neige/snowstorms 52. taille/waist 53. geler/freeze 54. ... KOVED sauf votre respect (*euphémisme*)/begging your pardon (*euphemism*) 55. grêlait/hailed 56. grêlons/hailstones 57. meules (de pierre)/millstones 58. fleurs de givre/frost patterns 59. vitres/window panes 60. stalactites (de glace)/icicles.



# קיווע ווײַסבראָט
# דער ביבליאָטעקאַר

**דעם 13טן יאַנואַר 2003 איז געשטאָרבן קיווע ווײַסבראָט, אַ מיטגרינדער[1] און לאַנגיאָריקער ביבליאָטעקאַר פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק**

אין 1928 האָט אַ גרופּע יונגע בונדיסטן אין פּאַריז געגרינדט אַ קליינע ביבליאָטעק מיטן נאָמען נאָמבערג־ביבליאָטעק[2] – איינע פֿון די פֿילצאָליקע וואָס האָבן דעמאָלט פֿאַרזאָרגט[3] מיט ביכער די מאַסן ייִדישע אימיגראַנטן אין פֿראַנקרײַך. די ביבליאָטעק איז שפּעטער געוואָרן די מעדעם־ביבליאָטעק, הײַנט די גרעסטע ייִדיש־ביבליאָטעק אין מערבֿ[4]־אייראָפּע. און איינער פֿון די גרינדערס איז געווען קיווע ווײַסבראָט, וואָס איז געבליבן אַ גאַנץ לעבן איר ביבליאָטעקאַר און געאַרבעט כסדר[5] זי זאָל זיך פֿאַרגרעסערן. דעמאָלט איז ער אַליין געווען אַ פֿרישער אימיגראַנט, אָנגעקומען אין 1926, צו 20 יאָר, פֿון לאָדזש (פּוילן). ער האָט געאַרבעט אין דער קליידונג־בראַנזשע[6], און חתונה געהאַט[7] אין 1935 מיט סאָניע פּלודערמאַכער, אַ ייִדישיסטקע פֿון ווילנע (געקומען שטודירן ליטעראַטור אין פּאַריז), מיט וועמען ער האָט געהאַט צוויי זין (מאָטל און בערל). בעת[8] דער מלחמה[9] איז די משפּחה[10] אַנטלאָפֿן פֿון פּאַריז, צו ערשט אין דער „פֿרײַער זאָנע“, שפּעטער אין דער שווייץ. די ביכער פֿון דער ביבליאָטעק האָט מען באַוויזן צו באַהאַלטן אין אַ פּאַריזער קעלער. אי די ביכער אי די משפּחה האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן[11] און נאָך דער באַפֿרײַונג האָט זיך די קולטור־אַרבעט ווידער אָנגעהויבן. אין די 70 יאָר וואָס קיווע ווײַסבראָט האָט אָנגעפֿירט מיט דער מעדעם־ביבליאָטעק, זײַנען פֿאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין די ייִדישע קרײַזן ווי אויך אין דער פֿראַנצייזישער געזעלשאַפֿט. די מעדעם־ביבליאָטעק האָט זיך אויך אַנטוויקלט, און אויב זי איז הײַנט אַ הויפּטאַדרעס פֿון ייִדיש אין פֿראַנקרײַך איז עס אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק קיווע ווײַסבראָטס איבערגעגעבענער[12] אַרבעט און זײַן געטרײַשאַפֿט דעם אידעאַל פֿון אַ ייִדיש־וועלטלעכער[13] קולטור.

קיווע ווײַסבראָט האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט[14] אין דער ביבליאָטעק־אַרבעט ביז אין די נײַנציקער יאָרן. אַפֿילו[15] נאָך זײַן צוריקצי[16] האָט ער אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס צו אַלץ וואָס האָט זיך דאָרטן געטאָן. אין נאָוועמבער 2002 איז ער געקומען באַזוכן די ביבליאָטעק אין איר נײַעם לאָקאַל פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער.

איינער פֿון די וואָס האָבן אים גוט געקענט איז יצחק[17] ניבאָרסקי. אָנגעקומען פֿון אַרגענטינע אין 1979 כּדי[18] צו אַרבעטן איין יאָר אין ביבליאָטעק, איז ער געבליבן יאָרן לאַנג און מיטגעאַרבעט נאָענט מיט קיווע ווײַסבראָט. מיר ברענגען דאָ אַן אויסצוג פֿונעם הספּד[19] וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער לוויה[20] :

„קיווע ווײַסבראָט איז געווען באַשאָנקען[21] מיט זעלטענע טאַלאַנטן. ער האָט געהאַט אַ גיכן און שאַרפֿן באַנעם, אַן אויסערגעוויינטלעכן זכּרון[22], אַ גוואַלדיקע אַרבעטס־פֿעיִקייט. דאָס זענען טאַקע די געוווּנטשענע אַטריבוטן פֿון אַ גוטן ביבליאָטעקאַר. [...] מיט געדולד, מיט אויסדויער, האָט ער ווײַטער אָפּגעהיט און פֿאַרגרעסערט דעם ביבליאָטעק־אוצר[23], ווײַטער געשטעלט צו דינסט[24] פֿון יעדן איינעם אי די ביכער, אי זײַן אייגן וויסן, זײַן ערודיציע וואָס האָט זיך פֿאַרשלייערט אונטערן מאַנטל פֿון אַ נאַטירלעכער שעמעוודיקייט. [...] דאָס ייִדישע בוך און די ייִדישע צײַטשריפֿט זײַנען געווען זײַנע ליבלינגען. ווען אין אַנדערע קרײַזן האָט מען גענומען האַלטן דאָס ייִדישע וואָרט פֿאַר אַן איבעריקער לאַסט[25], האָט מען אין קיווע ווײַסבראָטס מעדעם־ביבליאָטעק זיך געשפּיגלט[26] אין יעדער נײַער ייִדישער אויסגאַבע און מע האָט געקעכלט[27] די אַלטע, זיי רעסטאַווּרירט און אײַנגעבונדן, אַז זיי זאָלן זיך אויפֿהיטן לדורות[28].“

צו די שלושים[29] נאָך זײַן טויט, האָט מען אינעם ייִדיש־צענטער אָנגערופֿן דעם נײַעם לייענזאַל פֿון דער ביבליאָטעק אויפֿן נאָמען „קיווע ווײַסבראָט לייענזאַל“.  בײַ דער געלעגנהייט האָט זײַן זון בערל פֿאָרגעלייענט עטלעכע פֿון דעם טאַטנס באַליבטע לידער. בערל ווײַסבראָט איז אויך אַ ייִדיש־לערער און אַ ייִדיש־טוער – צווישן אַנדערע ווערק איז ער מיטמחבר[30] פֿונעם נײַעם ייִדיש־פֿראַנצייזישן ווערטערבוך.



פֿאָטאָ : פּאַטריק אַלטמאַן

1. cofondateur/cofounder *inf.* גרינדן fonder/to found 2. Hersh-Dovid Nomberg (1876-1927) écrivain yiddish/Yiddish writer 3. fournissaient/provided 4. MAYREV de l'Ouest/Western 5. KESEYDER constamment/continuously 6. confection/clothing industry 7. KHASENE... s'est marié/married 8. BEYS pendant/during 9. MILKHOME guerre/war 10. MISHPOKHE famille/family 11. KHURBM Shoah 12. dévoué/devoted 13. laïc/secular 14. participé/took part in 15. AFILE même/even 16. retraite/retirement 17. YITSKHOK 18. KEDEY afin de/in order to 19. HESPED éloge funèbre/funeral oration 20. LEVAYE enterrement/funeral 21. doué de/gifted with 22. ZIKORN mémoire/memory 23. OYTSER trésor, *ici* : fonds/treasure, *here* : collection 24. mettait au service de/put at the disposal of 25. fardeau/burden 26. regardé avec fierté/looked with pride 27. bichonnait/cherished 28. LEDOYRES pour les générations futures/for future generations 29. SHLOYSHIM 30 jours après sa mort/30 days after his death 30. MITMEKHABER co-auteur/co-author.

# אַ וועלט אין מיניאַטור

## דעם 5טן דעצעמבער 2002 איז אין פּאַריז געשטאָרבן דעווי טושינסקי, אַ גרויסער ייִדישער מיניאַטוריסט



אין דער זעלטענער קונסט פֿון מיניאַטור איז דעווי טושינסקי געווען אַ מײַסטער. ווי עס האָט געשריבן אַנדרע מאָרואַ[1], איז טושינסקיס טאַלאַנט געווען גלײַכצײַטיק מאָדערן און טראַדיציאָנעל : „[...] טראַדיציאָנעל, ווײַל מיט דער איידלקייט[2] פֿון דער צייכענונג דערמאָנט ער די אַלטע מײַסטערס, מאָדערן דורך דער אָריגינאַלקייט פֿון דער קאָנצעפּציע ...“. טושינסקיס פֿריִע מיניאַטורן מיט זייערע שוואַרצע געאָמעטרישע פֿלאַכן[3] דערמאָנען גאָר אין האָלצשניטן[4]. אין די שפּעטערדיקע זעט מען דער עיקר[5] אומרעגולערע דינע שטריכן און פּינטעלעך, וועלכע שאַפֿן אַ מאָל אַ פֿײַנע נעץ, וואָס באַדעקט געדיכט דאָס ווײַסע פּאַפּיר. לאַנג האָט ער געניצט בלויז דעם שוואַרצן טינט, אָבער מיט די יאָרן איז ער איבערגעגאַנגען צו קאָלירפֿולע אַקוואַרעלן. פֿון אונטער זײַנע פֿעדערלעך[6] און פּענדזלען[7] זײַנען אַרויסגעקומען מיטישע לאַנדשאַפֿטן, פֿאַנטאַסטישע חיות[8], שטעט וואָס גייען איבער[9] אין מענטשלעכע פּנימער[10]. דעם טאַלאַנט צו צייכענען האָט ער געהאַט בירושה[11] פֿון דעם עלטער־זיידן, וואָס האָט באַפּוצט ספֿרים[12] מיט קאָלירפֿולע אָרנאַמענטן. פֿון אים האָט ער אויך געירשנט[13] דעם נאָמען – דוד[14].

דוד טושינסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1915 אין בזשעזשין הינטער[15] לאָדזש, די משפּחה[16] האָט זיך אָבער באַלד איבערגעצויגן קיין פּלאָצק. דער טאַטע, אַ שנײַדער, האָט מיט אים גערעדט אויף מאַמע־לשון[17], די מאַמע – דווקא[18] אויף פּויליש. דער זיידע, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ טעאַטער־רעקוויזיטאָר[19], פֿלעגט אים מיטנעמען אין שטאָטישן טעאַטער. ניט ווײַט פֿון דודס הויז האָט זיך געפֿונען אַ ייִדישע ביבליאָטעק, וואָס פֿלעגט אַ מאָל אַרויסוואַרפֿן אַלטע ביכער. דוד האָט די דאָזיקע ביכער געקליבן און געלייענט מיט גרויס הנאה[20]. ביז אין זײַן הויכן עלטער האָט ער געקענט רעציטירן אויף אויסנווייניק משה לייב האַלפּערנס[21] „דער גאַסן־פּויקער[22]“ און אַנדערע ייִדישע און פּוילישע לידער. ער איז געגאַנגען אי אין חדר[23] אי אין אַ פּוילישער שול, שפּעטער אויך אין גימנאַזיע. צייכענען האָט ער זיך געלערנט אין פּלאָצק און אין אַ הויכשול אין לאָדזש. ווען די צווייטע וועלט־מלחמה[24] האָט אויסגעבראָכן, האָט ער געקעמפֿט בײַ דער פֿאַרטיידיקונג[25] פֿון וואַרשע אין אַ שיסערפּאָלק[26]. ווי אַ זעלנער[27] איז ער געווען אין געפֿאַנגענשאַפֿט[28], ער איז אָבער אַנטלאָפֿן און האָט זיך באַהאַלטן אונטער דעם נאָמען „טאַדעוש“. עס האָט אים דערבײַ געהאָלפֿן זײַן „גוטער אויסזען“.

נאָך דער מלחמה האָט טושינסקי – איצט שוין דעווי – געלעבט אַ קורצע צײַט אין מינכען[29] און שפּעטער געקומען קיין פּאַריז. ער האָט דאָ געלעבט צוזאַמען מיט זײַן ווײַב אַדאַ, אַן אָפּשטאַמיקע פֿון לעמבערג[30]. פֿון 1946 אָן האָט ער געהאַט איבער אַכציק אויסשטעלונגען אין פֿאַרשיידענע לענדער, אַרויסגעגעבן עטלעכע אַלבאָמען און קאַטאַלאָגן מיט פֿאַרשיידענע ציקלען מיניאַטורן – זאָדיאַק־צייכנס, תּהלים[31] (מיט מיקראָגראַפֿיע־טעכניק), ייִדישע אותיות[32], טאַראָט, רײַזע־בילדער פֿון יאַפּאַן, פּאָרטוגאַל אָדער מעקסיקע. ער האָט אילוסטרירט צענדליקער ביכער אויף ייִדיש און אַנדערע שפּראַכן. אַ סך רעפּראָדוקציעס קען מען געפֿינען אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע אויף פֿראַנצייזיש *אַ בלאַט פֿון לימבע*[33]. אויף די בלעטער פֿונעם בוך זעט מען נעמען פֿון אַ גאַנצער פּלעיאַדע קינסטלער פֿונעם

[סוף זײַט 8]



1. André Maurois (1885-1967) écrivain français/French writer 2. *ici/here* finesse 3. aplats/flat surfaces 4. gravures sur bois/woodcuts 5. ...IKER principalement/mainly 6. plumes/pens 7. pinceaux/brushes 8. KHAYES animaux/animals 9. se transforment/turn into 10. PENIMER visages/faces *sing.* פּנים PONEM 11. BEYERUSHE par héritage/as a legacy 12. SFORIM livres religieux/religious books *sing.* ספֿר SEYFER 13. GEYARSHNT hérité/inherited 14. DOVID 15. près de/near 16. MISHPOKHE famille/family 17. ... LOSHN ייִדיש 18. DAFKE *ici* par contre/*here* on the contrary 19. accessoiriste/prop man 20. HANOE plaisir/pleasure 21. MOYSHE... Moyshe Leyb Halpern (1886-1932) 22. musicien de rue/street drummer 23. KHEYDER école primaire religieuse juive/Jewish religious primary school 24. MILKHOME guerre/war 25. défense 26. régiment de fusiliers/fusiliers regiment 27. soldat/soldier 28. emprisonnement/imprisonment 29. Munich 30. Lvov *aujourd'hui/today* Lviv 31. TILIM psaumes/psalms 32. OYSYES lettres (de l'alphabet)/letters (of the alphabet) 33. *Feuille de Limba* (Sud - Cahiers de l'Odon, 1982)

# דער פּיאַניסט[1] פֿון מרים טרין[2]




**די הילע פֿון דער פּוילישער אויסגאַבע פֿון „פּיאַניסט“**

**א**ין סעפּטעמבער איז אַרויס אויף די פֿראַנצייזישע קינאָ־עקראַנען דער פֿילם *דער פּיאַניסט*, אַ נײַ „מײַסטערווערק“ פֿון ראָמאַן פּאָלאַנסקי. מען האָט אויף אים געוואַרט מיט גרויס נײַגער. אויף דעם פֿילם־פֿעסטיוואַל אין קאַן האָט ער באַקומען די גאָלדענע פּאַלמע. אינטערעסאַנט איז אָבער נישט צי פּאָלאַנסקי האָט געשאַפֿן אַ נײַ „מײַסטערווערק“, נאָר : וואָס פֿאַר אַ נײַעם פֿילם וועגן דער אַלטער חורבן[3]־טעמאַטיק האָט ער געוואָלט מאַכן ?

איין מעגלעכער ענטפֿער : אַ פֿילם וואָס זאָל באַשרײַבן אַן אויטענטישן – אָבער אין דער פֿילמוועלט ביז איצטער אומטיפּישן – גורל[4]. דער העלד, אַ פּויליש־ייִדישער פּיאַניסט, וולאַדיסלאַוו שפּילמאַן, קען אַפֿילו[5] מאַכן דעם רושם[6] פֿון אַן אַנטי(פּאַטישן)־העלד. און אַזוי האָט טאַקע אַ טייל עולם[7] אָפּגעפּילט אָט די פֿיגור. ער איז אַ וואַרשעווער ייִד, אַסימילירט, אינטעגרירט און אָנערקענט[8] אין דער פֿאַר־מלחמהדיקער[9] פּוילישער געזעלשאַפֿט. אין וואַרשעווער געטאָ דערלעבט אים זײַן באַרימטקייט אויסצוהאַלטן די משפּחה[10]. ער שפּילט אינעם געטאָ־קאַפֿע פֿאַר דער געטאָ־סמעטענע[11]. עטלעכע מאָל ראַטעוועט ער די משפּחה פֿונעם טראַנספּאָרט, ביז מען כאַפּט זיי אַלע. אויפֿן וועג צו די וואַגאָנען ווערט וולאַדיסלאַוו אַליין געראַטעוועט דורך אַ געטאָ־פּאָליציאַנט.

דאָ איז די פֿיגור צום ערשטן מאָל סותר[12] דאָס אָנגענומענע[13] בילד פֿונעם ייִדישן העלד אין יענער צײַט : נישט ער איז זיך מקריבֿ[14] צוליב זײַן משפּחה, נישט ער קעמפֿט מיט די אייגענע כוחות[15] פֿאַר זײַן פֿרײַהייט. שפּעטער פֿאַרלאָזט ער דאָס געטאָ און באַהאַלט זיך אויף דער אַרישער זײַט[16] – אַלץ אַ דאַנק ייִדישע און פּוילישע חבֿרים[17]. ווידער באַווײַזט ער זיך ווי אַ ייִדישער אַנטיהעלד : זײַן באַהעלטעניש איז אַ דירה[18] אַנטקעגן דעם געטאָ. ער ווערט אַן עדות[19] פֿונעם געטאָ־אויפֿשטאַנד[20] – אַליין בלײַבט ער בלויז אַן אָפּהענטיקער[21] צוקוקער. אינטערעסאַנט איז אַ סצענע, ווו ער ספֿקט[22] אינעם אויפֿשטאַנד און עס ענטפֿערט אים אַ חבֿרטע[23] פֿונעם פּוילישן ווידערשטאַנד[24], אַז דער ייִדישער קאַמף וועט אויפֿוועקן דעם פּוילישן.

נאָך אַ מאָמענט וואָס פֿאַרשאַרפֿט די אַבסורדקייט פֿון שפּילמאַנס גורל איז זײַן געראַטעוועט ווערן דורך אַ דײַטשן אָפֿיציר, אַן אַמאַטאָר־פּיאַניסט וואָס קומט שפּילן אויף אַ פּיאַנע אין אַ חורבֿה[25] פֿונעם געטאָ. פּונקט דאָרט באַהאַלט זיך שפּילמאַן נאָכן פּוילישן אויפֿשטאַנד. דער דײַטש, פֿאַרכישופֿט[26] פֿון שפּילמאַנס טאַלאַנט, העלפֿט אים בלײַבן לעבן. שפּילמאַנס אָדיסיי ענדיקט זיך – ווידער מיט אַן אַבסורד – ווען די רוסישע סאָלדאַטן וואָס האָבן באַפֿרײַט די שטאָט ווילן אים שיסן צוליב זײַן עס־עס־מאַנטל – די לעצטע מתּנה[27] פֿונעם דײַטשן אָפֿיציר. צום סוף זעט מען ווי שפּילמאַן געפֿינט פֿון דאָס נײַ זײַן אָרט ווי אַן אָנערקענטער פּיאַניסט אין דער פּוילישער פֿילהאַרמאָניע, אַ משל[28] פֿאַר דער פּוילישער געזעלשאַפֿט.

גאָר אַ וויכטיקער עלעמענט אינעם פֿילם איז די מוזיק. מע פֿילט ווי זי קען שטאַרקן דעם ווילן צו לעבן – פֿאַראַן אַ שיינע סצענע ווען דער העלד שפּילט ווירטועל אויף אַ פּיאַנע אין דער דירה ווו ער באַהאַלט זיך און ווו ער דאַרף בלײַבן אין גאַנצן שטיל. פֿון דער צווייטער זײַט דערלויבט דאָס מוזיקאַלישע מיטל דעם צוקוקער אַליין אַ ביסל

[סוף זײַט 8]

1. *Le Pianiste/The Pianist*, Roman Polanski (2002)
2. MIRYAM Trinh 3. KHURBM Shoah 4. GOYRL destin/fate
5. AFILE même/even 6. ROYSHEM impression 7. ...OYLEM une partie du public/part of the audience 8. reconnu/recognized
9. FARMILKHOMEDIKER d'avant-guerre/pre-war
10. MISHPOKHE famille/family 11. crème/cream 12. SOYSER *inf.* סותר זײַן contredire/contradict 13. convenu/accepted
14. MAKREV *inf.* מקריבֿ זײַן זיך se sacrifier/sacrifice oneself
15. KOYKHES forces/strength 16. côté aryen/Aryan side
17. KHAVEYRIM amis/friends 18. DIRE appartement/apartment 19. EYDES témoin/witness 20. soulèvement/uprising 21. impuissant/helpless 22. SOFEKT doute/doubts
23. KHAVERTE amie/friend (*fem.*) 24. résistance 25. KHURVE ruine/ruin 26. FARKISHEFT captivé/enchanted 27. MATONE cadeau/gift 28. MOSHL *ici/here* symbole/symbol

# „כּמעט אַ פֿרידלעכע וועלט“[1]

אין 1993 איז אַרויס דער ערשטער ראָמאַן פֿון ראָבערט באָבער, „וואָס הערט זיך מיט דער מלחמה ?“[2] – אַ מעשׂה[3] וואָס קומט פֿאָר אין 1946 אין אַ פּאַריזער שנײַדער־וואַרשטאַט[4] און וואָס שטעלט פֿאָר דאָס לעבן פֿון ייִדן אין פּאַריז אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה. דאָס בוך האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג[5] ; די קריטיק האָט געלויבט[6] דעם שטילן צערטלעכן[7] טאָן מיט וועלכן באָבער האָט פֿאָרגעשטעלט די געפֿילן און געדאַנקען, די חלומות[8] און שטרעבונגען[9] פֿון די מענטשן וואָס זײַנען איבערגעקומען די שרעקלעכע יאָרן פֿון מלחמה און חורבן[10] און וואָס ווילן ווידער אַ מאָל אָנהייבן פֿירן אַ „נאָרמאַל“ לעבן מיט ליבע, אַרבעט און האָפֿענונג אין אַ וועלט פֿון שלום[11].

מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער האָט דער קינאָ־רעזשיסאָר מישעל דעוויל אַדאַפּטירט באָבערס ראָמאַן פֿאַרן עקראַן. דער פֿילם הייסט „כּמעט אַ פֿרידלעכע וועלט“ – דעם טיטל האָט מען געביטן כּדי[12] מענטשן זאָלן נישט מיינען אַז ס׳איז אַ מין בלוטיקער מלחמה־פֿילם. ווײַל ס׳איז פּונקט פֿאַרקערט. דער פֿילם איז שטיל, באַשיידן[13], אָן ספּעציעלע עפֿעקטן, אָן עמפֿאַז[14]. די שווערע מלחמה־איבערלעבונגען פֿון די פֿאַרשיידענע העלדן זעט מען נישט – מע דערוויסט זיך וועגן זיי אומדירעקט : דעם לאַגער־נומער טאַטויִרט אויף מאָריסעס אָרעם זעט מען נאָר אַ סעקונדע ; שאַרל האָפֿט נאָך אַלץ שטילערהייט אַז זײַן ווײַב און קינד וועלן צוריקקומען פֿון אוישוויץ ; דער קליינער זשאָרזש דערציילט די מעשׂה ווי אַזוי ער איז געזעסן באַהאַלטן אין אַ שאַפֿע[15] ווען די פּאָליציי איז געקומען אַרעסטירן די משפּחה[16] ; מאַדאַם אַנדרע (די איינציקע נישט־ייִדישע פֿון די אַרבעטאָרינס) דערציילט אַז איר יונגע שוועסטער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ דײַטשן סאָלדאַט און בײַ דער באַפֿרײַונג[17] האָט מען זי אָפּגעשוירן[18] און געטריבן אַ נאַקעטע איבער די גאַסן.

דער עולם[19] פֿילט אָבער די גאַנצע איראָניע וואָס שטעקט אינעם „כּמעט“ פֿונעם טיטל – די וועלט איז נישט אין גאַנצן אַ פֿרידלעכע, דער טרויער איז נאָך דאָ און די ווונדן טוען נאָך וויי.

דער פֿילם איז גוט געשפּילט, זייער מאָלעריש[20] און פֿול מיט קאָלירן. די קאָסטיומען און דעקאָראַציעס דערמאָנען זייער קלאָר דעם פּאַריז פֿון יענע יאָרן. די העלדן און דער גאַנצער סצענאַר זײַנען גאַנץ געטרײַ[21] דעם בוך. מישעל דעוויל, וואָס איז אַ קלוגער און אַ שפּירעוודיקער[22] מענטש, האָט אויסגעמיטן[23] אַלע מיכשולים[24] וואָס וואָלטן געקענט מאַכן פֿון די מענטשן סטערעאָטיפּן און פֿון דעם פֿילם אַ קאַריקאַטור. טאָ פֿאַר וואָס פֿילט מען אַז עפּעס פֿעלט ? אפֿשר[25] איז אַלץ אַ ביסעלע צו שיין, צו ריין, צו העפֿלעך[26]... צו געטרײַ. מע גייט אַרויס מיט אַ געפֿיל אַז מע האָט געזען אַ שיינע סעריע אילוסטראַציעס, נאָר נישט קיין דערגאַנגענע קונסטווערק.

און אפֿשר פֿעלט אויך אויס די ייִדישע שפּראַך. ווען דאָס בוך איז ערשט אַרויס האָט די קריטיק באַמערקט אַז די שפּראַך פֿון די העלדן, כאָטש זיי רעדן פֿראַנצייזיש, קלינגט מיט ייִדיש. אין פֿילם רעדט מען דווקא[27] אַ סך וו ע ג ן ייִדיש – מע דערמאָנט דעם ייִדישן טעאַטער, מע זעצט איבער אַ ייִדיש ליד – נאָר אַחוץ[28] איין לידעלע (געזונגען פֿון אַ מיידעלע וואָס פֿאַרשטייט נישט די ווערטער) איז נישטאָ קיין זכר[29] פֿון מאַמע־לשון[30]. מע קען פֿאַרשטיין אַז דער רעזשיסאָר האָט געוואָלט זײַן פֿילם זאָל זײַן אַלמענטשלעך און נישט צו פֿאָלקלאָריסטיש – נאָר דורך דעם שאַפֿט זיך אַ בלויז[31]. אַז מע וויל מעג מען באַטראַכטן דעם־אָ בלויז ווי אַ סימבאָל פֿון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער.




ווי עס זאָל נישט זײַן[32], איז דער פֿילם זייער אַ גוטער אַרײַנפֿיר אין דער קאָמפּליצירטער און ניט אָפֿט באַאַרבעטער פּראָבלעמאַטיק פֿונעם נאָך־מלחמהדיקן לעבן אין פֿראַנקרײַך. דאָס דערציִונגס־מיניסטעריום האָט אים אויסגעקליבן צו ווײַזן אין שולן כּדי צו לערנען קינדער די געשיכטע פֿון דער מלחמה.

---

1. KIMAT... presque/almost *Un Monde presque paisible,* Michel Deville (2002) 2. MILKHOME guerre/war Robert Bober, *Quoi de neuf sur la guerre ?* (P.O.L., 1993) 3. MAYSE histoire/story 4. atelier de confection/clothing workshop 5. succès/success 6. a fait l’éloge de/praised 7. tendre/tender 8. KHALOYMES rêves/dreams 9. aspirations 10. KHURBM Shoah 11. SHOLEM paix/peace 12. KEDEY afin que/so that 13. modeste/modest 14. emphase/insistence, overstatement 15. placard/cupboard 16. MISHPOKHE famille/family 17. la Libération/the liberation 18. tondue/shaved her head *inf.* אָפּשערן 19. OYLEM public/audience 20. pittoresque/picturesque 21. fidèles/faithful 22. sensible/sensitive 23. évité/avoided *inf.* אויסמײַדן 24. MIKHSHOYLIM écueils/pitfalls *sing.* מיכשול MIKHSHL 25. EFSHER peut-être/perhaps 26. poli/polite 27. DAFKE justement/indeed 28. AKHUTS à part/except for 29. ZEYKHER trace 30. ... LOSHN ייִדיש 31. vide/emptiness 32. quoi qu’il en soit/be that as it may.

פֿאָרווערטס

אַן אַרטיקל דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג פֿאָרווערטס דעם 24סטן יאַנואַר 2003

# ייִדישע פֿילמען : וועגן ייִדיש און אויף ייִדיש

## פֿון איציק גאָטעסמאַן (ניו־יאָרק)

סע געדענקט זיך אַ צײַט מיט אַן ערך[1] זיבן יאָר צוריק, ווען סטיווען ספּילבערגס חורבן[2]־פֿילם „שינדלערס ליסטע“ איז אַרויס, און מיר האָבן פּונקט דענצמאָלט געזען נאָך צוויי פֿילמען וועגן חורבן, דעם פּוילישן פֿילם „קאָרטשאַק“ און דעם דײַטשישן פֿילם „אייראָפּע, אייראָפּע“. אַלע דרײַ פֿילמען, געמאַכט אין דרײַ פֿאַרשיידענע לענדער, האָבן געהאַט צו טאָן מיט ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן, אָבער קיין ייִדיש וואָרט האָט מען חלילה[3] נישט געהערט. אַפֿילו[4] די חסידים[5] אין „שינדלערס ליסטע“ האָבן זיך באַגריסט אין קראָקע, אין 1939, מיט די ווערטער „שבת שלום“[6] אַנשטאָט „גוט־שבת“[7]. אין וואַרשעווער געטאָ, ווו אַ גרויסער טייל פֿונעם „קאָרטשאַק“ קומט פֿאַר, הערט מען רק[8] פּויליש, און אַ ייִדיש לידל אין אַ געטאָ־קאַבאַרעט. אין „אייראָפּע, אייראָפּע“, אַ פֿילם וואָס שפּאַנט דורך דרײַ לענדער – דײַטשלאַנד, פּוילן און רוסלאַנד – הערט מען אַלע שפּראַכן, אַבי נישט[9] קיין ייִדיש.

ווען וועט מען שוין מאַכן אַ פֿילם וועגן ייִדיש־רעדערס אויף ייִדיש ? אַז דער ייִד ספּילבערג פֿון האָליוווּד, מיט אַלע זײַנע רעסורסן און אינטערעס אינעם חורבן, האָט נישט פֿאַרשטאַנען די וויכטיקייט פֿון ייִדיש בײַם פֿאָרשטעלן די ייִדן אין מיזרח[10]־אייראָפּע – ווי קען מען האָפֿן, אַז אַנדערע זאָלן דאָס יאָ פֿאַרשטיין ? ווי זיך צו באַנעמען מיט פֿרעמדע קולטורן איז בכלל[11] אַ פּראָבלעם אין האָליוווּד – ביז די אַמעריקאַנער פֿילם־אינדוסטריע האָט סוף־כּל־סוף[12] געמאַכט אַ פֿילם וועגן אַמעריקאַנער אינדיאַנער, אין וועלכן מע רעדט טאַקע אויף אַן אינדיאַנער שפּראַך, האָט געדויערט צענדליקער יאָרן – ערשט אינעם פֿילם „טענץ מיט וועלף“ אין 1990.

זענען אָבער פֿאַראַן דאָקומענטאַר־פֿילמען, נישט קיין בעלעטריסטישע[13] ווערק, ווו סע קלינגט יאָ דאָס ייִדישע וואָרט, כאָטש נאָר אין די ראַמען[14] פֿון אַ פֿילם וועגן ייִדיש גופֿא[15]. לעצטנס האָבן מיר געזען צוויי פֿילמען, נישט פֿון האָליוווּד, נאָר פֿון פּאַריז, וועלכע פֿאַרנעמען זיך מיט דער ירושה[16] פֿון דער ייִדישער קולטור, מיט דער מעגלעכקייט פֿון איבערגעבן דאָס לשון[17] פֿון איין דור[18] צו אַ צווייטן. כאָטש נאָך נישט אָפֿיציעל פֿאַרעפֿנטלעכט[19], האָט די פֿילממאַכערין איזאַבעל ראָזענבוימאַס פֿון פּאַריז געוויזן איר פֿילם – „נעמט“[20] – צו אַ געקליבענעם עולם[21] אין ניו־יאָרק. דאָס אונטערטיטל פֿונעם פֿילם לייענט זיך אַזוי : „אַ שפּראַך אָן אַ פֿאָלק פֿאַר אַ פֿאָלק אָן אַ שפּראַך“. דאָס איז אַ דאָקומענטאַר־פֿילם וועגן עטלעכע געפֿלאָכטענע[22] טעמעס – די ייִדן הײַנט אין ווילנע און אין דער ליטע, די סטודענטן אין דער „ווילנער זומער־פּראָגראַם פֿאַר ייִדיש“ (זומער 2000), און דער עיקר[23], דער פֿילמאָגראַפֿקעס פּרוּוו צו פֿאַרשטיין די געשיכטע פֿון איר אייגענער ליטוויש־ייִדישער משפּחה[24], וואָס איז פֿאַרשניטן געוואָרן דורך די נאַציס און סטאַלינען.



איזאַבעל ראָזענבוימאַס און איר מאַן מיכל ביעזונסקי

דער פֿילם באַשטייט פֿון שמועסן מיט ייִדיש־סטודענטן און אַנדערע, וועלכע זוכן זייערע וואָרצלען. אַזוינע „וויניעטן“ זענען אַלע מאָל אינטערעסאַנט, כאָטש זעלטן ווען, הײַנטיקע צײַטן, אַנטפּלעקט זיך עפּעס אַ נײַעס, וואָס מיר האָבן שוין נישט געהאַט געהערט פֿריִער. די פֿרייד און ווייטיק פֿון לערנען זיך די שפּראַך מיט איר קולטור און געשיכטע ווערן אויסגעדריקט, טייל מאָל רירנדיק[25], טייל מאָל אומגעלומפּערט[26], בײַ יונגע סטודענטן פֿון ענגלאַנד, פּוילן, און עלטערע אַמעריקאַנער. ספּעציעל שטאַרק איז די סצענע אין טעלז[27]. ראָזענבוימאַסעס משפּחה האָט געשטאַמט פֿון דער שטאָט, און זי פֿאָרט אַהין און בעט בײַם פֿאָרזיצער[28] פֿון דער טעלזער ייִדישער קהילה[29], רפֿאל[30] געניס, ער זאָל גיין מיט איר אויף די פֿעלדער, ווו מע האָט אויסגעשאָכטן די טעלזער ייִדן און איר דערציילן (אויף ייִדיש) וואָס איז געשען מיט די דאָרטיקע ייִדן. נאָך אַ סצענע צו געדענקען ווײַזט אַ גרופּע מינסקער קריסטן, ממש[31] ייִדישיסטן, וועלכע פֿאָרן אויף אַן אויטאָבוס און רעציטירן און זינגען אויף ייִדיש, זייערע אַנטיסעמיטישע לאַנדסלײַט אויף צו להכעיס[32]. וואָס קענען זיי אויסנווייניק ? די רייד פֿון ברעזשניעוו, איבערגעזעצט אויף ייִדיש וועלכע זענען אַרויסגעקומען אין בוכפֿאָרם.

צום סוף[33] פֿונעם פֿילם, שמועסט דער פּאַריזער פּראָפֿעסאָר יצחק[34] ניבאָרסקי וועגן דער נייטיקייט פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור פֿאַר דער הײַנטיקער יוגנט. דער פּונקט איז דאָך ראָזענבוימאַסעס הויפּט־אינטערעס ; זי האָט געפֿונען אַ גוואַלדיקע אינספּיראַציע אין דער יונגער חבֿרה[35] אין ווילנע וואָס לערנען זיך ייִדיש, וועלכע ווילן שאַפֿן אויף ייִדיש און זיך אָפּגעבן מיט ייִדיש. ווי קען מען אויסניצן די ענערגיע, דאָס התפּעלות[36] פֿון ייִדיש פֿאַר די קומענדיקע דורות ?

דער צווייטער פֿילם, וואָס מע האָט געזען צום ערשטן מאָל אין ניו־

יאָרק אויף דעם „ניו־יאָרקער ייִדישן פֿילם־פֿעסטיוואַל“, הייסט אויף ענגליש „קאַסטינג“[37] [„מע זוכט ראָלעס“]. דער רעזשיסאָר עמאַנועל פֿינקיעל האָט געוואָלט מאַכן אַ בעלעטריסטישן פֿילם וועגן ייִדיש־רעדערס, און פֿאַר די ראָלעס האָט ער געוואָלט ניצן געבוירענע ייִדיש־רעדערס, נישט קיין פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן. האָט ער פֿילמירט די אינטערוויוען מיט די עלטערע ייִדן, וועלכע האָבן געלייענט אַ נאָטיץ אין דער פּאַריזער צײַטונג „אונדזער וואָרט“, אַז מע זוכט „ייִדיש־רעדערס, צווישן 60 און 90 יאָר אַלט, צו שפּילן אין אַ פֿילם“. דער פֿילם באַשטייט פֿון די אינטערוויוען, פֿון די פּראָבעס[38], און אָפֿט הערט מען אַ ייִדיש וואָרט. [...]



פֿונעם פֿילם „קאַסטינג“

1. ... EREKh environ/about 2. KhURBM Shoah 3. KhOLILE Dieu nous en préserve !/God forbid! 4. AFILE même/even 5. KhSIDIM Hasidim 6. ShABAT ShALOM *salutation (le samedi), en hébreu/Sabbath greeting in Hebrew* 7. ... ShABES *salutation (le samedi), en yiddish/Sabbath greeting in Yiddish* 8. RAK constamment/constantly 9. *ici* sauf/as long as it's not 10. MIZREKh de l'Est/Eastern 11. BIKhLAL en général/in general 12. SOFKL-SOF enfin/finally 13. de fiction/fiction 14. dans le cadre de/as part of 15. GUFE lui-même/proper, itself 16. YERUShE héritage 17. LOShN langue/language 18. DOR génération *plur.* דורות DOYRES 19. sorti/released 20. «*Nemt*» (2002) Isabelle Rozenbaumas 21. ... OYLEM public sélectionné/handpicked audience 22. entremêlés/interwoven 23.... IKER surtout/mainly 24. MIShPOKhE famille/family 25. émouvant/moving 26. maladroit/clumsy 27. Telsiai 28. président 29. KEHILE communauté/community 30. REFOYL Raphaël 31. MAMESh véritable/real 32. ...TSELOKhES pour contrarier/to spite 33. SOF fin/end 34. YITSKhOK 35. ...KhEVRE jeune gens/young people 36. HISPAYLES enthousiasme/enthusiasm 37. «*Casting*» Emmanuel Finkiel 38. essais/(screen) tests.

## קינאָ־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| דער פֿילם | film ; pellicule/film |
| דער קינאָזאַל | salle de cinéma/movie-theater |
| זיך שטעלן אין דער ריי | faire la queue/stand in line |
| די ווײַזונג | séance/screening |
| דער סצענאַר | scénario/script |
| קורצער פֿילם | court métrage/short film |
| געצייכנטער פֿילם | dessin animé/animation film |
| דאָקומענטאַר־פֿילם | documentaire/documentary |
| דער רעזשיסאָר | réalisateur/director |
| דער סצענאַר־שרײַבער | scénariste/screenwriter |
| דער קינאָ־אָפּעראַטאָר | caméraman |
| די קאַמערע | caméra/movie camera |
| גרויספּלאַניקע אויפֿנאַמע | gros plan /close-up |
| ספּעציעלע עפֿעקטן | effets spéciaux/special effects |
| סינטעז־בילדער | images de synthèse/computerized images |
| סכנה־קונצן [SAKONE-] | cascades/stunts |
| דער עקראַן | écran/screen |
| דער קינאָ־פּראָיעקטאָר | projecteur/projector |
| דאָס אָנערקענונגען־צעטל | générique/credits |
| אונטערשריפֿטן | sous-titres/subtitles |
| רייד־דובלירונג | doublage/dubbing |
| די מאַכערײַקע | navet/trash, junk |
| דער פֿיאַסקאָ, דער דורכפֿאַל, די מפּלה [MAPOLE] | four/flop |
| דער שלאַגער | succès/hit |

## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

נאָמען : ..........................................

אַדרעס : ........................................................................................

........................................................................................................

אַבאָנעמענט־פּרײַז :

פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט :

ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר

לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

קרעדיט־קאַרטע־נומער :

אויסגאַנג[4]־דאַטע :

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס :

The Yiddish Forward

45 E 33rd Street, New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט[5]־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration 5. courrier électronique/e-mail.

[סוף פֿון זײַט 3]



נאָכמלחמהדיקן[34] פּאַריז – שאַגאַל, פּיקאַסאָ, מאַנע־קאַץ, צאַדקין... ער איז אויך געווען באַפֿרײַנדט מיט עטלעכע ייִדישע שרײַבער – איציק מאַנגער, אַבֿרהם סוצקעווער, רייזל זשיכלינסקי אָדער מענדל מאַן.

טושינסקי האָט געהאַט אַ פֿאַנטאַסטישן זכּרון[35] צו ערטער, פּנימער, געשעענישן. ער האָט זיך פּינקטלעך דערמאָנט די גאַסן אין פּלאָצק, איינצלנע[36] קלייטן[37] און הײַזער מיט זייערע אײַנוווינער. נאָך דער מלחמה האָט ער פֿון זכּרון געצייכנט זײַנע טאַטע־מאַמע, זײַן ייִנגסטן ברודער מאָניעק וואָס איז אומגעקומען אין אוישוויץ, זײַן זיידן, מומעס, פֿעטערס און קוזינעס. ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ גרויסע זאַמלונג דאָקומענטן אין שײַכות[38] מיט פּלאָצק און מיט דער משפּחה־געשיכטע – ווי די קאָפּיע פֿון זײַן מאַמעס גוטאָ־לעגיטימאַציע[39], געפֿונען אין לאָדזש.

דעווי טושינסקי וועט בלײַבן אין אונדזער זכּרון ווי אַ גאָר פֿײַנער מיניאַטור־קינסטלער און אַ מענטש פֿול מיט חן[40], וואָס האָט געקענט מיט זײַנע אַנעקדאָטן פֿאַרכּישופֿן[41] אַן עולם[42].

34. nokhmilkhomedikn d'après-guerre/post-war 35. zikorn mémoire/memory 36. individuels/individual 37. boutiques/shops 38. ...shaykhes... relatif à/in relation to 39. pièce d'identité/identity paper 40.kheyn charme/charm 41. farkishefn ensorceler *ici* captiver/enchant 42. oylem auditoire/audience.

[סוף פֿון זײַט 4]

אָפּצואָטעמען פֿון דער שרעקלעכער רעאַליטעט. דער רעזשיסאָר אַרבעט באַוווּסטזיניק[29] מיט קינסטלערישע מיטלען אין זײַן אינטערפּרעטאַציע פֿון דער געשיכטע. אין דעם זינען קען דער פֿילם הייסן אַ „מײַסטערווערק“. דער בליק אויפֿן געטאָ בלײַבט אין די טראַגישסטע מאָמענטן פֿילמיש־פֿיקטיוו (אַפּאָקאַליפּטישע בילדער פֿון געטאָ – געזען דורך די אויגן פֿונעם העלד – ווען ער קערט זיך אום נאָכן אויפֿשטאַנד).

און דאָך : פֿאַראַן אַן אויטענטישער מקור[30]. וולאַדיסלאַוו שפּילמאַן איז אַן אמתע[31] פֿיגור. אין 1946 פֿאַרעפֿנטלעכט ער אויף פּויליש אַ בוך מיטן טיטל *דער טויט פֿון אַ שטאָט*. דאָס בוך דערשײַנט אינעם קאָמוניסטישן פּוילן צענזורירט. נאָך 54 יאָר באַווײַזט זיך אַ צווייטע פּוילישע אויסגאַבע, *דער פּיאַניסט*, מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿין אַנדזשיי שפּילמאַן, דעם זון. מען דערוויסט זיך די גענויע געשיכטע פֿונעם בוך : די צענזור פֿון 1946 האָט אָפּגעמעקט גאַנצע שטיקער קריטישן טעקסט וועגן די פּוילישע און רוסישע נאַצי־קאָלאַבאָראַטאָרן. אין די 60ער יאָרן האָט מען געפּרוּווט אַרויסגעבן אַ פֿולע ווערסיע – נאָר דער דעמאָלטיקער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן האָט דאָס נישט דערמעגלעכט. דאָס איז מקוים[32] געוואָרן ערשט סוף 90ער יאָרן און דווקא[33] אין דײַטשלאַנד, דערנאָך אין אַנדערע לענדער. דאָס בוך האָט אומעטום אַרויסגערופֿן שטאַרקע רעאַקציעס. אין 2000 איז אַרויס די אָריגינעלע פּוילישע ווערסיע. זי אַנטהאַלט אויסצוגן פֿון דעם מלחמה־טאָגבוך פֿון ווילם האָזענפֿעלד, דעם דײַטש וואָס האָט געראַטעוועט שפּילמאַנען. פֿונעם עפּילאָג דערוויסט מען זיך ווי אַזוי דער אָפֿיציר איז געוואָרן געפֿאַנגען דורך די רוסן און ווי שפּילמאַן האָט אומזיסט[34] געפּרוּווט אים העלפֿן. דער דײַטש איז געשטאָרבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[35].

פּאָלאַנסקיס פֿילם היט אָפּ אָט דעם עפּילאָג, און בכלל[36] פֿאָלגט ער נאָך געטרײַ דאָס בוך. אַזוי אַרום ווײַזט דער רעזשיסאָר אַרויס דרך־ארץ[37] פֿאַר שפּילמאַנען דעם מענטשן, וואָס ווערט פֿאָרגעשטעלט ווי ער אַליין האָט זיך באַשריבן – און נישט ווי אַ ה ע ל ד.

וועגן דער קוואַליטעט פֿון די אַקטיאָרן איז טשיקאַווע צו באַמערקן : איידריען בראָדי האָט צוליב זײַן ראָלע גענומען פּיאַנע־לעקציעס און אַליין געשפּילט געוויסע טיילן פֿון שאָפּענס ווונדערלעכע נאָקטורנען.

29. sciemment/consciously 30. moker source 31. emese véritables/real 32. mekuyem *inf.* מקוים ווערן se réaliser/to come true 33. dafke justement/indeed 34. en vain/in vain 35. Union soviétique/Soviet Union 36. bikhlal en général/in general 37. derekh-erets respect.


אַ יונגער־מאַן פֿון ליל זוכט
עמעצן מיט וועמען זיך
דורכצושרײַבן אויף ייִדיש.
דאָס איז זײַן אַדרעס :
Marc Baguelin
30, rue de Puébla
59800 Lille
FRANCE



דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אַניק, בערטראַן, זשיל, יצחק, מאַרי
נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.



Der Yidisher Tamtam
Maison de la Culture Yiddish
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
medem@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com